# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים

תשפ"ג

312

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

דַארְף מֶען זִיךְ צוּדֶעקְן דִי קָאפּ אִין שׁוּיעֶר?..............................................א

וִוי אַזוֹי רֵיינִיגְט מֶען אוֹיס אַ שְׁמוּצִיגֶע מֹחַ?..............................................ב

בֶּעטְן מַיין מַאמֶע מִיר נִישְׁט צוּ טְרָאגְן צוּ אַן אוֹיסְגֶעמִישְׁטֶע שְׁוִורִים בַּאסֵיין?..........ד

מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?..............................ה

שְׁלִיסְן אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי כַּלָה וֶועט גֵיין אַרוּמְגֶעבִּינְדֶען מִיט אַ שַׁאל?..................ו

מֶעג אַ פְּרוּי גֵיין מִיט דִי טֶעכְטֶער צוּ דִי אָפְּגֶעזוּנְדֶערְטֶע פְּלַאץ בַּיים יַם?..................ז

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּרִיק גֶעצוֹיגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ?..................ט

וִוי אַזוֹי פָּאר אִיךְ קַיין אוּמַאן, וֶוען מֶען וֶועט טְשֶׁעפֶּען מַיין וַוייבּ?.................. יא

זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין אַ קָאנְטְרִי וואוּ עֶס אִיז אַ צֶעלָאזְטֶע מַצָב?.....................יב

וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?......................יד

וָואס טוּט מֶען אַז דִי וַוייבּ בֶּעט אַ גֶט אוֹיבּ פָּאר אִיךְ קַיין אוּמַאן?................ טז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מִיר וֶועלְן אִיבֶּערְלָאזְן אִין אוּמַאן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים....................א

צוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן אוֹיסְלַאנְד ......................ב

קוֹיף נִישְׁט אֵייגֶענֶע מַאשִׁינֶען צוּ דְרִיקְן דִי גִלְיוֹנוֹת..............................ב

עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ...............ג

מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אוֹת א׳ פוּן ׳גָאט׳, וֶוערְט גֶט..............................ד

וֶוער עֶס גֵייט נָאךְ גֶעלְט, אִיז מְתַקֵן אַלֶע עֲבֵירוֹת..............................ד

אִין חֵדֶר, זַיי וִוי אַלֶעמֶען, אוּן אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.............................ה
מְסַיֵים זַיין גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְצַייט פוּן דַיין מַאמֶע.....................ו
דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נָאר צֶעבְּרֶעכְן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי סְפָרִים אוּן גִלְיוֹנוֹת .....ח
אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, זָארְגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר שְׁוַואךְ דֶעם מֶענְטְשׁ ..........ט
אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת צַדִיקִים ..................................י
וָואס פַאר אַ קִינְדֶער וִויל אִיךְ, מִיט טֶעלֶעפָאנְ'ס אוּן בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת?...............י
בַּאזוּנְדֶערֶע הַצָלָה אָפְּטֵיילוּנְג פַאר פְרוֹיעֶן, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט פִּקוּחַ נֶפֶשׁ.............. יא
טְרַאנְסְפָּארְטַאצִיעֶ פַאר דִי פְרוֹיעֶן, וֶוען דִי מֶענֶער פָארְן קַיין אוּמַאן .....................יב
אַזוֹי דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיפִיל גוּטְס אוּן אַזוֹיפִיל נַחַת..................... יג
אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל, פוּן וָואס יֶעדֶער הָאט הֲנָאָה ............................יד
קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט עַזוּת, דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.............יד
וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף מֶענְטְשְׁן? קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אִין דַיין צָרָה ............. טו
עֶס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה בַּיי אוּנְז בֵּית הַמֶדְרָשׁ ........ טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דַארְף מֶען זִיךְ צוּדֶעקְן דִי קָאפּ אִין שׁוֹיעֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַ רֶעבֶּעצִין, זִי זָאגְט דָארְט אַז עֶס אִיז גוּט אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין שׁוֹיעֶר זָאל מֶען אוֹיךְ גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דִי קָאפּ. מֶען זָאל גֵיין מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קָאפּ-צוּדֶעק וָואס מֶען נוּצְט אִין וַואסֶער, אוּן נָאר אוֹיסְטוּן דִי צוּדֶעק וֶוען מֶען זֵייפְט זִיךְ דֶעם קָאפּ.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אַזַא מֶשָׂג, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צְנִיעוּת'דִיג'; הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶער מִנְהָג זִיךְ צוּ פִירְן, זָאל אִיךְ עֶס אָנְהוֹיבְּן אַיינְפִירְן בַּיי מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי מִיטְן נָאמֶען קִמְחִית, זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְדוֹלָה", אוּן אַלֶע זִיבְּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים", הָאבְּן דִי חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: "מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִית לְכָךְ", פַארְצֵייל אוּנְז דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט

אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם? ״אָמְרָה לָהֶם, מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי״, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַּאר דִי חֲכָמִים: אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי וֶוענְט אוּן דִי דַאךְ פוּן מַיין הוֹיז זָאלְן נִישְׁט זֶען מַיינֶע הָאר.

ווארויל אִיז דִי פְּרוּי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ גֵיין צוּגֶעדֶעקְט אִיר קָאפּ, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

וֶוען מֶען שׁוֹיעֶרְט זִיךְ, דַארְף מֶען נִישְׁט צוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווִי אַזוֹי רֵיינִיגְט מֶען אוֹיס אַ שְׁמוּצִיגֶע מֹחַ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט זִיךְ פַּאר אַ תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן לַיין, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ הֶער.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צוּזַאמְגֶעקוּקְט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוּן אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן? אִיךְ טְרַאכְט פוּן שְׁמוּץ אַ גַאנְצְן טָאג, מַיין גַאנְצֶע מֹחַ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁמוּץ. אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס? ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ? אַ רֵיינֶע הַארְץ? אִיךְ בֶּעט אַן עֵצָה פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס אִיךְ זָאל טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה, אִיר זָאלְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט אַ אִיד, אִיר הָאט אִין זִיךְ אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי, אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן

ווי מֶער איר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אַז איר זֶענְט אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פון די גַאנְצֶע וֶועלְט - וֶועט איר בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זֵיי וֶוערְן נִישְׁט נָאנְט צוּ אִים? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פון תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי, ווי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת און צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן די מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט; "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ און דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פְרֵיי.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז איר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן אַייעֶרֶע אוֹיגְן, איר הָאט גֶעקוּקְט מָאווִיס, איר הָאט מְטַמֵּא גֶעמַאכְט אַייעֶר מֹחַ און הַארְץ; בֶּעטְס אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַ רֵיינֶעם הַארְץ.

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג און בֶּעטְס די וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים, גֶעבּ מִיר אַ נֵייעֶם הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט מַיין הַארְץ, אִיךְ טְרַאכְט פון שְׁמוּץ; אִיךְ ווִיל זַיין רֵיין, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג".

בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט רֵיינִיגְן זִיךְ מִיט מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא, מֵיידְלֶעךְ און ווַייבֶּלֶעךְ רֵיינִיגְן זִיךְ מִיט תְּהִלִּים און מִיט הִתְבּוֹדְדוּת. זָאגְט יֶעדְן טָאג

תְּהִלִּים; אַז איר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ - אִיז זֵייעֶר גוּט, אוּן אַז איר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם - זָאלְט אִיר זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים - אַייעֶרֶע אֵייגֶעגֶע תְּפִילוֹת אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶעגֶע שְׁפְּרַאךְ, בִּיז דֶער מֹחַ וֶועט אַייךְ וֶוערְן לוֹיטֶער אוּן רֵיין.

דִי דְרֵיי זַאכְן: שִׂמְחָה, תְּהִלִּים אוּן הִתְבּוֹדְדוּת - מַאכְט רֵיין דֶעם מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### בֶּעטְן מַיין מַאמֶע מִיר נִישְׁט צוּ טְרָאגְן צוּ אַן אוֹיסְגֶעמִישְׁטֶע שְׁוִוים בַּאסֵיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין נַיין יָאר אַלְט אוּן מַיין מַאמֶע וויל מִיךְ נֶעמֶען שְׁווימֶען אִין אַ פְּלַאץ וואו עֶס שְׁווימֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן. אִיךְ וויל וויסְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן, זָאל אִיךְ אִיר זֵייעֶר בֶּעטְן אַז אִיךְ וויל נִישְׁט גֵיין? אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין שְׁאֵלָה.

זָאג דַיין מַאמֶע מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז דוּ ווילְסְט זִי זָאל דִיךְ טְרָאגְן אִין אַ סְווימִינְג פּוּל (שְׁוִוים בַּאסֵיין) וואו מֶען שְׁווימְט מִיט צְנִיעוּת, מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, נָאר מֶענֶער בַּאזִינְדֶער; דוּ וֶועסְט שְׁווימֶען מִיט דִי מֶענֶער אוּן זִי זָאל גֵיין מִיט דַיין שְׁוֶועסְטֶער בַּאזוּנְדֶער שְׁווימֶען בַּיי דִי פְרוֹיעֶן.

כִּיבּוּד אֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט אַ מַאמֶע, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן שֵׁיין זָאגְן אַז מֶען וִויל גֵיין שְׁווִימֶען בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֶעמִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּ דִי תּוֹרָה וֶועג, זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג אוּן רֵיין.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט, שְׁמוּעֶס מִיט אִים יֶעדֶע זַאךְ, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן נָאכְן מְבָרֵר זַיין אוּן בַּאקוּמֶען גוּטֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ בֶּעשׁוֹ', אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז בַּיי זֵייעֶר חֲסִידוּת אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל דָארְט צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַזַא טֶעלֶעפָאן. דֶער רֶבִּי פוּן יֶענֶע חֲסִידוּת הַאלְט אַז עֶס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיף אַ כָּשֵׁר'ן אוֹפֶן.

דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט סְפֵיקוֹת אוֹיפְן שִׁידוּךְ, כָאטְשׁ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶר נוּצְט עֶס טַאקֶע נָאר אוֹיף אַן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶעם וֶועג, אַ הַאלְבֶּע טָאג נוּצְט עֶר עֶס בִּכְלַל נִישְׁט, ווייל עֶר קֶען עֶס נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט וואוּ עֶר אַרְבֶּעט, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גֶדֶר נִישְׁט צוּ זַיין פַארְבִּינְדְן צוּ גְרוּפֶּעס פוּן נַייעֶס וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְגֶענוּמֶען קֶעגְן דֶעם בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זָאל זִיךְ יֶעצְט טוּישְׁן פַאר דִי קִינְדֶער דִי צוּגַאנְג צוּ טֶעלֶעפָאנֶען, אוּן בְּעֶצֶם אוֹיךְ פַאר מִיר? עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זַיין רֶבִּי הַאלְט אַז אוֹיב עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַזַא זַאךְ, אִיז בֶּעסֶער עֶס צוּ נוּצְן פַאר גוּטֶע זַאכְן אוּן פַאר פַּרְנָסָה אוּן דָאס גְלַייכְן. וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דֶעם? זָאל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דֶעם שִׁידוּךְ?

אוּן צוּ דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט וִויל אִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְדְרוּקְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי פִּיל חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען כְּסֵדֶר פוּן דִי זַאכְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מְבַרֵר אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת אוּן אוֹיף זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם זָאלְט אִיר גֵיין צוּם שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה.

דָאס אַלֵיין, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אוּן זַיין רֶבִּי לֶערְנְט אִים וִוי זִיךְ צוּ פִירְן - אִיז אַ גֶעוִוינְס. וַוייל דָאס אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן צִי עֶס אִיז דָא הַכְנָעָה פַאר אַ רָב, פַאר אַ רֶבִּי.

אַוַדַאי אִיז אַ טֶעלֶעפָאן אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אָבֶער אַז דָאס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ רָב - אִיז דָאס עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## שְׁלִיסְן אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי כַּלָּה וֶועט גֵיין אַרוּמְגֶעבִּינְדֶען מִיט אַ שַׁאל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז דָא דָא אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, וָואס דִי פְּרוֹיעֶן אִין יֶענֶע מִשְׁפָּחָה גֵייעֶן אַרוּמְגֶענוּמֶען דֶעם גַאנְצְן קָאפּ מִיט אַ שַׁאל, זֵיי הָאבְּן דֶעם מִנְהָג נָאךְ פוּן זֵייעֶרֶע זֵיידֶעס פוּן תֵּימָן. דֶער בָּחוּר אִיז מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ, אָבֶּער עֶר הָאט מוֹרָא וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם. אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם? אָדֶער אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי דָאס אַזוֹי מְקוּבָּל פוּן זֵייעֶר מְסוֹרָה, אִיז עֶס יָא גוּט?

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְן אוֹיבּ מֶען זָאל שְׁלִיסְן דֶעם שִׁידוּךְ אָדֶער נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶר זָאל מְבָרֵר זַיין אוֹיף אִיר יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיר גֶעזוּנְט אוּן טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

אֱמֶת, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט דִי שְׁוַוארְצֶע שַׁאלְקֶע, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן דָארְט הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעשְׁרִיבְּן טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיווּ מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם; עֶס לוֹינְט נִישְׁט דָאס לֶעבְּן אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי טֶעכְטֶער צוּ דִי אָפְּגֶעזוּנְדֶערְטֶע פְּלַאץ בַּיים יָם?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא צוּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים יַם בַּאזוּנְדֶערֶע טֶעג צֶעטֵיילְט פַּאר מֶענֶער אוּן פַאר פְרוֹיעֶן, אַז מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין דָארְט מִיט צְנִיעוּת, אָבֶער פַּאקְטִישׁ אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, בִּיז מֶען קוּמְט אָן אַהִין צוּ דִי אָפְּגֶעזוּנְדֶערְטֶע צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער בַּיים יַם, שְׁטוֹיסְט מֶען זִיךְ אָן אוֹיפְן וֶועג מִיט אַסַאךְ פְּרִיצוּת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט אַהִין, נִישְׁט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן נִישְׁט אִיךְ אַלֵיין, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אָנְהַאלְטְן מַיין קַבָּלָה.

מַיין וַוייבּ הָאט מִיר אָבֶער גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ זִי קֶען יָא אַהִינְגֵיין מִיט דִי טֶעכְטֶער אִין דִי טֶעג וֶוען פְרוֹיעֶן גֵייעֶן, וַוייל אוֹיסֶער דִי פְּרִיצוּת וָואס מֶען זֶעט אוֹיפְן וֶועג אַהִין, אִיז דָארְט אַלֵיין אוֹיךְ דָא פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג אָנְגֶעטוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז דָא פְּרִיצוּת; אוֹיךְ פְרוֹיעֶן דַארְפְן זִיךְ הִיטְן פוּן גֵיין אִין שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער אוּן זִיכֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען גֵייט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי נָאר טְרָאגְן אוֹיף אֵיידֶעלֶע רֵיינֶע פְּלֶעצֶער.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דָּבָר מְכֹעָר", עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא

שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּרִיק גֶעצוֹיגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ סְפַרְדִי'שֶׁער בָּחוּר, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אִיךְ בִּין זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵּק מִיט דִי חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס מֶען טַייטְשְׁט דָא אִיבֶּער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן דִי אַרוּמִיגֶע לֵייגְן אַסַאךְ לַחַץ אוֹיף מִיר אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ צוּרִיק גֶעצוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין צִיבּוּר'ישֶׁע פְּלֶעצֶער ווּאוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס אִיז אִין אַ פַּארְמַאכְטֶע פְּלַאץ, אִיךְ וֶוער דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶס קְלַאפְּט מַמָּשׁ אוֹיס מִיט סִימָנִים אוֹיף מַיין גוּף וֶוען אִיךְ דְרֵיי זִיךְ צְוִוישְׁן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער דְרֵיי אִיךְ זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט אִין דִי עֶפֶנְטְלִיכְקֵייט, אֲפִילוּ בַּיי מַיין אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה וֶוען מֶען עֶסְט צוּזַאמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ עֶס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ

אַלְץ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן צוּ גֵיין אֲפִילוּ צוּ נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, בִּקִיצוּר אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְמַאכְט אוּן צוּרִיק גֶעצוֹיגְן, אוּן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שִׁידוּכִים קֶען אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הֶערְן דֶערְפוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אֲפִילוּ פוּן זִיצְן בַּיי אַ בֶּעשׁוֹי מִיט אַ מֵיידְל.

ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן מַיין פַארְמַאכְטְקֵייט? ווי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַבִּיסְל מֶער עֶפֶענֶען, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ אֶפְשָׁר קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן שִׁידוּכִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי נַאטוּר אַז זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ זַיין צְווִישְׁן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וְכוּ' וְכוּ', זֵיי הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן; מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם, בְּעִיקָּר צְוֵויי שְׁטַארְקֶע עֵצוֹת, דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה אוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דִי צְוֵויי עֵצוֹת הַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן פוּן שְׁרֶעק, פוּן עֶנְקְזַייעֶטִיס וְכוּ' וְכוּ'.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי פְּרֵיילִיךְ, פְּרֵיי זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט; אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט פוּן טְרַאכְטְן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר אוּן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף דִיר. דוּ טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר; דָאס וֶועט אַרַיינְבְּלָאזְן אִין דִיר שִׂמְחָה, וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע עֶנְקְזַייעֶטִיס, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן שְׁכִינַת עֻזּוֹ כְּבוֹדוֹ. אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צְוֵוייטְנְס, נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז

בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר; אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחֲשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען רֶעדְט דִיר אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט שִׂמְחָה, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶועט זַיין שְׁוֶוער, אַזוֹי אִיז בַּיי אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, נָאכְדֶעם וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, וַוייל דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "דַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד", דִי וֶועלְט אִיז וִוי אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; אַז מֶען הָאט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, מֶען כַאפְּט זִיךְ שְׁטַארְק אָן אִין דֶעם - דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אַרִיבֶּער דָאס לֶעבְּן - דָאס בְּרִיק - רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קֵיינֶעם, פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אֱמוּנָה אִין דִיר - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פְּחָדִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א'): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן - הָאט נִישְׁט קַיין פְּחָדִים פוּן קֵיינֶעם, מֶען וֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וִוי אַזוֹי פָּאר אִיךְ קַיין אוּמַאן, וֶוען מֶען וֶועט טְשֶׁעפֶּען מַיין ווַייבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט, ווַייל וֶוען זִי גֵייט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִיר מַאמֶע אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט מֶען אִיר דָארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק טְשֶׁעפֶּען; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָארְג פַאר אִיר אַ פְּלַאץ, אַ גוּטֶע חַבְרֶטֶ׳ע וָואס אִיר מַאן פָּארְט אוֹיךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. פְרֶעג פוּן חֲבֵרִים, פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וֶוער עֶס וָואלְט אִיר גֶעקֶענְט אַיינְלַאדֶענֶען, אַזוֹי וֶועט מֶען אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

קוֹיף פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה אַז זִי שִׁיקְט דִיךְ צוּם רֶבִּי׳ן מִיט שִׂמְחָה. אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט זֶענֶען פַארְהַאן וָואס ווִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן אוּן דִי וַוייבֶּער לָאזְן זֵיי נִישְׁט פָּארְן, זֵיי זָאגְן: ״אוֹיבּ פָּארְסְטוּ קַיין אוּמַאן - וֶועט זַיין אַ גֶט״, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיז בַּיי דִיר, אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר, זִי אִיז מַסְכִּים זָאלְסְט פָּארְן צוּם רֶבִּי׳ן - זָאלְסְטוּ אִיר דַאנְקֶען אוּן אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין אַ קָאנְטְרִי ווּאוּ עֶס אִיז אַ צֶעלָאזְטֶע מַצָּב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְלֶעג קֵיינְמָאל נִישְׁט פָּארְן זוּמֶער אִין קָאנְטְרִי, אָבֶּער דָאס יָאר הָאט מִיךְ מַיין וַוייבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז זִי ווִיל פָּארְן צוּ אַ קָאנְטְרִי ווּאוּ אַסַאךְ פוּן אִירֶע חַבֶר'טֶעס גֵייעֶן דָארְט אוֹיף זוּמֶער, אוּן מִיר זֶענֶען טַאקֶע אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זוּמֶער.

עֶס אִיז אַ קָאנְטְרִי פוּן הֵיימִישֶׁע אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטָאט, אָבֶער וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי אַטְמָאסְפֶער אִיז נִישְׁט צוּ הֵיימִישׁ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ צֶעלָאזְטֶע אוּן לוֹיזֶע וֶוערְטְשַׁאפְט, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אִיךְ וִויל זֵייעֶר צוּרִיק פָארְן אָבֶער אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל עֶס טוּן וַוייל עֶס וֶועט זֵייעֶר וֵויי טוּן פַאר מַיין וַוייבּ, זִי וִויל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְרוּעֶן פוּן דִי אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְטֶע וֶוערְטְשַׁאפְט פוּן אַ גַאנְץ יָאר. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְטְלוֹיף פוּן אַ קָאנְטְרִי וָואס אִיז נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, רַאטֶעוֶוע דַיין נְשָׁמָה אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת; דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה אִיז זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע סְבִיבָה. דָוִד הַמֶּלֶךְ הוֹיבְּט אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּהִלִּים: "אַשְׁרֵי הָאִישׁ", ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נִישְׁט אִין אַ פְּלַאץ פוּן רְשָׁעִים, "וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב", אוּן זִיצְט נִישְׁט מִיט לֵצִים; וַוייל דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - מֶען זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים.

גֵיין אִין קָאנְטְרִי קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר זַיינֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ב): "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים", אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט עֶרְלִיךְ - אִיז דָאס שׁוֹין אַ מוֹשַׁב לֵצִים; אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען פָארְט אִין אַ קָאנְטְרִי אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאס אַ מוֹשַׁב לֵצִים.

וִויפִיל טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן צוּגְרוּנְד אִין קָאנְטְרִי, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין רַב אָדֶער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועמֶען מֶען הֶערְט אוֹיס אוּן מֶען פָאלְגְט - אִיז אַ סַכָּנָה אַהִין צוּ גֵיין, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע הִיצְן אִין שְׁטָאט. אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס אַן אַמוֹרָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער (הוֹרָיוֹת יב.): "תִּיבוּ אַקִּילְקְלֵי

דְמָתָא מְחַסְיָא, וְלֹא תֵּיבוּ אַפַּדְנֵי דְפוּמְפְּדִיתָא", עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא וִוי צוּ וואוֹינֶען אִין דִי פַּאלַאצְן פוּן פוּמְבְּדִיתָא; וַוייל אִין דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא הָאבְּן גֶעוואוֹינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶער אִין פוּמְבְּדִיתָא הָאבְּן גֶעוואוֹינְט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע אִידְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן מָתָא מְחַסְיָא וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט וִוי צוּ גֵיין אִין אַ קָאנְטְרִי וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד בֶּענְטְשְׁן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן נָאכְאַמָאל כַאפְּט מִיר אָן דִי פַּחַד וָואס אִיךְ בַּאקוּם יֶעדֶעס יָאר אַזַא צַייט. יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט עֶרְנְסְטֶע טֶעג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, וְכַדוֹמֶה, וֶוער אִיךְ זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ צִיטֶער, וֶוער וֵייסְט וָואס עֶס גֵייט זַיין, אֶפְשָׁר גֵייט גֶעשֶׁען טְרַאגֶעדִיעֶס.

עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי מִיר סְתָּם אַזוֹי אַסַאךְ מָאל אַז עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ פְּלוּצְלוּנְגְדִיגֶער פַּחַד אַז אֶפְשָׁר גֵייט עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ פַּאסִירְן צוּ מִיר, צוּ מַיין מַאן, אָדֶער צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל הָאבּ אִיךְ עֶס וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֵייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אֱמֶתְ'עֶ פַּחַד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל פַארְוָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פוּן רַחְמָנוּת, אַ חוֹדֶשׁ וָואס מִיר קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פָּרָשַׁת רְאֵה לב, ב) אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס אִיז אַ גַאנְץ יָאר אִין פַּאלַאץ, נָאר גְרוֹיסֶע שָׂרִים קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין פַּאלַאץ, אֵיינְמָאל אַ יָאר גֵייט דֶער קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע פּוֹיעֶרְן, אַלֶע פַּארְמֶערְס, דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי רֶעדְן צוּם קֶענִיג; אַזוֹי אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים בֶּעטְן רַחְמָנוּת.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן וֶוערְן זַייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּקְט אִינֶעם מַחְזוֹר, אַלֶע פִּיּוּטִים; אַזֶעלְכֶע זִיסֶע פִּיּוּטִים. לְמָשָׁל דֶער פִּיּוּט ׳וְכֹל מַאֲמִינִים׳; דִי הַארְץ קֶען צֶעגֵיין פוּן דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן וְכֹל מַאֲמִינִים, וִוי מֶען רֶעכְנְט אוֹיס דִי רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז: ״וְכֹל מַאֲמִינִים״, מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן, ״שֶׁהוּא חַי וְקַיָּם״, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, ״הַטּוֹב״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, ״וּמֵטִיב לָרָעִים וְלַטּוֹבִים״, אוּן עֶר טוּט גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, ״הַסּוֹבֵל, וּמַעְלִים עַיִן מִסּוֹרְרִים״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, ״הַפּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִתְשׁוּבָה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר פַאר דִי וָואס קְלַאפְּן אוּן ווִילְן תְּשׁוּבָה טוּן, ״וְכֹל מַאֲמִינִים״, מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן, ״שֶׁהוּא פְּתוּחָה יָדוֹ״, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הֶענְט מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, ״הַצּוֹפֶה לָרָשָׁע וְחָפֵץ בְּהִצָּדְקוֹ״, עֶר זוּכְט אִינֶעם רָשָׁע גוּטְס אִים צוּ קֶענֶען בַּארֶעכְטִיגְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דָאס אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, דָאס אִיז זִיס; מֶען זֶעט דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה.

אַנְשְׁטָאט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן - נֶעמְט אַ תְּהִלִּים׳ל אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר

קַאפִּיטְלֶעךְ; תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, ווַייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, ווַייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס טוּט מֶען אַז דִי וַוייבּ בֶּעט אַ גֶט אוֹיבּ פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּקִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז טָאג טֶעגְלִיךְ. יֶעדְן שַׁבָּת קוּק אִיךְ אַרוֹיס צוּם פְרִישְׁן קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", וָואס דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לוּפְט צוּם אָטֶעמֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר פִיר יָאר צוּרִיק, אוּן זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ מַמָּשׁ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פוּנְדָאסְנַיי, אָן קַיין גוּזְמָא. אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַזוֹי סַאךְ אִין לֶעבְּן, דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן נָאךְ גָאר אַסַאךְ גוּטֶע מַתָּנוֹת.

פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מַיין וַוייבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן, צוּלִיבּ דִי מִלְחָמָה דָארְט, דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינְדֶערְהֵיים, בִּיז צוּם סוֹף בִּין אִיךְ לְמַעֲשֶׂה גֶעפָארְן מִיט אִיר הַסְכָּמָה, אָבֶער נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, נָאר אַזוֹי בְּלֵית בְּרֵירָה'דִיג. אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט דֶער מַצָּב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ בַּארְג אַרָאפּ, דִי שָׁלוֹם בַּיִת הָאט גָאר שְׁטַארְק אוּנְטֶערְגֶעהִינְקֶעט, מִיר זֶענֶען כִּמְעַט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיךְ אִין פַּרְנָסָה הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שׁוּם בְּרָכָה, אַלֶע צִינוֹרוֹת פוּן פַּרְנָסָה זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט גֶעוָוארְן, אוּן אִין דֶעם גַאנְצְן שְׁוֶוערְן מַצָּב הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׂמְחָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין גֶעצֵיילְטֶע וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אָבֶער מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר, אַז אִיךְ וִויל פָארְן - זָאלְן אִיךְ אִיר קוֹדֶם גֶעבְּן אַ גֶט, אוּן אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אַהֵיים.

אִיךְ בִּין מוֹדֶה אַז אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק אִין דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן טוּן אַלֶעס צוּ פַארְבֶּעסֶערְן דֶעם מַצָּב, פַארְרֶעכְטְן דִי זַאכְן וָואס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, אִיךְ בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר וַוייזְן דֶעם וֶועג וָואס צוּ טוּן יֶעצְט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דוּ ווִילְסְט דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶוענְדְט זִיךְ דָאס אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין - וֶועט זִי דִיךְ לָאזְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.**

**מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ",**

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש: "אַז מֶען וויל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ דָאס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דִי וַוייבּ זֶעט אַ גַאנְץ יָאר ווִי שַׁיין מֶען פִירְט זִיךְ, זִי זֶעט וָואס אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אִיז, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַאן וֶועט זִי נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיז:) "בְּלָאזְן שׁוֹפָר אִיז אַ חָכְמָה, נִישְׁט קַיין מְלָאכָה"; עֶס גֵייט נִישְׁט מִיט כֹּחַ, עֶס דַארְף גֵיין מִיט חָכְמָה; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶער שׁוֹפָר לִיגְט אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בְּלָאזְן דֶערְמִיט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֶעשֶׁעט אַלֵיין.

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שַׁיין, רֶעד צוּ אִיר אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּם חָשׁוּבְ'סְטְן מֶענְטְשׁ. גֶעבּ אִיר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט זִי דִיךְ לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

זָאג דַיין וַוייבּ אַז דוּ גֵייסְט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת, מֶען פָארְט צוּ אַ צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיסְ'פּוֹעֵלְ'ן אַ גוּט יָאר - וֶועט זִי דִיךְ זִיכֶער לָאזְן גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מִיר וֶועלְן אִיבֶּערְלָאזְן אִין אוּמַאן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מִיר פָּארְן שׁוֹין נָאךְ אַבִּיסְל קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דָארְט וֶועלְן מִיר זִיךְ אוֹיסְפַּאקְן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער דִי יָאר אוּן פוּן דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן, מִיר וֶועלְן אִיבֶּערְלָאזְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אוּן אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

אִיךְ גֶעב יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ שִׁיעוּר גְמָרָא, אִיךְ הָאב גֶעמֵיינְט אַז דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן וָואס אִיךְ בִּין מִיט עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל - וֶועסְטוּ קוּמֶען, לְמַעֲשֶׂה פָאר אִיךְ שׁוֹין אַהֵיים נָאךְ אַפָּאר וָואכְן אוּן אִיךְ זֶע דִיךְ נִישְׁט ; דוּ וָואלְסְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִי טָאג מִיט אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן.

...

## צוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה פַּאר דִי בָּחוּרִים פוּן אוֹיסְלַאנְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, אִיךְ ווִיל מַאכְן שַׁבָּת סְעוּדוֹת אִין יְשִׁיבָה פַּאר דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן אוֹיסְלַאנְד. בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נֶעמֶען גֶעסְט, לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעשֶׁען צְוֵויי זַאכְן; שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁטָא קַיין מִשְׁפָּחוֹת וָואס נֶעמֶען גֶעסְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, רֻבָּם כְּכוּלָם הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן גֶעצֵיילְטֶע מִשְׁפָּחוֹת אִינְגֶעלַייט וָואס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ פַּאר זֵיי צוּ נֶעמֶען גֶעסְט. צְוֵוייטְנְס, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בָּחוּרִים פוּן אוֹיסְלַאנְד, וְאֵין הַקּוֹמֶץ מַשְׂבִּיעַ, אוֹיךְ זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס אִיז מִיר נִישְׁט נִיחָא אַז מַיינֶע בָּחוּרִים זָאלְן עֶסְן בַּיי זֵיי.

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן צוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת אִין יְשִׁיבָה פַּאר דִי בָּחוּרִים וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן. וָואס דוּ קֶענְסְט בֶּעטְן בַּיי גֶעשֶׁעפְטְן וָואס הָאבְּן אִיבְּרִיגֶע עֶסְן פַּאר צְדָקָה - אִיז גוּט, אוּן וָואס מֶען דַארְף צוּקוֹיפְן - וֶועל אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן; דָאס אִיז פַּאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע הִילְף.

אַלֶע בָּחוּרִים ווִילְן עֶסְן בַּיי מִיר, קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קֵיינֶעם, ווַייל עֶס וֶוערְט קִנְאָה.

...

## קוֹיף נִישְׁט אֵייגֶענֶע מַאשִׁינֶען צוּ דְרִיקְן דִי גִלְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

קוֹיף נִישְׁט אֵייגֶענֶע מַאשִׁינֶען צוּ פְּרִינְטְן דִי גִלְיוֹנוֹת, אֲפִילוּ עֶס מַאכְט

זִיךְ וָואכְן וָואס דִי גִלְיוֹנוֹת וֶוערְן פַּארְטִיג שְׁפֶּעטֶער אוּן דִי בֵּית הַדְּפוּס וִויל שׁוֹין נִישְׁט דְרוּקְן - ווִילְסְטוּ קֶענֶען אַלֵיין דְרוּקְן.

עֶנְדֶערְשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין גִלְיוֹנוֹת אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר דִי וָואךְ, וְוִי אֵיידֶער טְשֶׁעפֶּען דֶעם בֵּית הַדְּפוּס.

פוּן וואוּ זָאל אִיךְ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן בֵּית הַדְּפוּס אַז אַלֶע וֶועלְן דְרוּקְן פַּאר זִיךְ...? אוּן אַז מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט נֶעמֶען בַּיים בֵּית הַדְּפוּס סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת וְכוּ׳ - וֶועל אִיךְ דַארְפְן פַּארְמַאכְן, חַס וְשָׁלוֹם.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי מִתְנַדְּבִים וָואס אַרְבֶּעטְן לְשֵׁם שָׁמַיִם אָן קַיין גֶעלְט, זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּאַיילְן מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת, אַז עֶס זָאל זַיין גְרֵייט זוּנְטָאג אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען דְרוּקְן אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

...

### עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ בַּאזוּכְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק, אוּן בַּיים רֶבִּי'ן קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיפְפְרִישְׁן, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

זַיי שְׁטַארְק מִיט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אַ טָאג, אַ בְּלַאט גְמָרָא אַ טָאג אוּן חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגּוּם; אוֹיף דֶעם זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר.

...

**מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אוֹת א׳ פוּן ׳גָאט׳, וֶוערְט גֶט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, פַאר׳ן עוֹסֵק זַיין אִין צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה; מֶען קֶען מִיטְהַאלְטְן בְּעֶרֶךְ וויפִיל מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי צֶען טוֹיזְנְט נְדָבוֹת, אִיבֶּער צֶען טוֹיזְנְט מָאל הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן צְדָקָה פוּן מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע סְכוּם.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ מְסִבָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְּן מִיט דִי צְדָקָה קָאמְפֵּיין, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שִׁיעוּר הֲכָנָה לְאוּמַאן; מִיר וֶועלְן זִיךְ גְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַלֶע נֶערְווֹן קְרַאנְקְהֵייטְן קוּמֶען פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס פוּן ׳גָאט׳ דֶעם אוֹת א - וֶוערְט גֶט; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ חַזֶרְ׳ן אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי נֶערְווֹן, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ (סוֹטָה יז.): ״שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וֶוער עֶס גֵייט נָאךְ גֶעלְט, אִיז מְתַקֵּן אַלֶע עֲבֵירוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי עוֹסֵק אִין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד; אִיךְ בֶּעט דִיר נִישְׁט דַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְט, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, וֶוער עֶס גֵייט נָאךְ גֶעלְט - אִיז מְתַקֵּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

שֶׁעם זיךְ נִישְׁט צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִין דִי פָּאר שָׁעָה בִּיז מִיר עֶנְדִיגְן דֶעם קָאמְפֵּיין קֶענְסְטוּ נָאךְ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד; אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶעְנְגֶען קֶענֶען מִיר אָנְקוּמֶען צוּם צִיל.

אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי לֶעבְּן אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, זֵיי לֶעבְּן אוֹיף דִי חִיזוּק פוּן דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש; זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי מוֹסָד, זֵיי וַוארְטְן מֶען זָאל זֵיי בֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִין חֵדֶר, זַיי וִוי אַלֶעמֶען, און אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען וִויל טוּן אַסַאךְ - טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַבִּיסְל - דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן צוּ טוּן אַסַאךְ; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן אַ נַייעֶם דֶערְהֶער, 'מְעַט, גַּם כֵּן טוֹב', אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, און דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טוּן זֵייעֶר אַסַאךְ".

מַאךְ זִיךְ אַן אָפְּמַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת; זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, און דָאס קֶען מֶען טוּן יֶעדְן טָאג; אַזוֹי וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען.

מִשְׁנַיוֹת וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייטְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן שְׁטַארְק מִיט זִיךְ.

טוּ דָאס נָאךְ חֵדֶר, אִין שְׁטוּב, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִיר.

אִין חֵדֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער; קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ צַדִיק. דוּ שְׁפִּיל מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט אַלֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אַלֶע טוּעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטוּן. עֶר פְלֶעגְט שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם הֲוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, פוּן דִי אוֹתִיוֹת י-ה-ו-ה, אוּן דֶער מְלַמֵד פְלֶעגְט אִים שְׁלָאגְן, דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר חָלוֹמְ'ט; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ צַדִיק, וַוייל פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט אַלֶע קִינְדֶער.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן אִין חֵדֶר. זַיי וִוי אַלֶעמֶען, מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁעמֶען אַז דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב, אוּן אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס אָנְגֶעצוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

מְסַיֵים זַיין גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְצַייט פוּן דַיין מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דִי יָאר צוּ לֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס; הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְאַיָאר בַּיי דִי פְּטִירָה פוּן דַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם אוּן דוּ גֵייסְט מְסַיֵים זַיין גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי כ"ב לַחֹדֶשׁ אָב, לְכָבוֹד דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְצַייט פוּן דַיין מַאמֶע.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד קֶען טוּן פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה אוּן פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן - אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה; עֶס וֶוערְט אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אִין גַן עֵדֶן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, דִי נְשָׁמָה קוּמְט צוּ אִיר אֵייבִּיגֶע רוּ.

לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי הוֹיךְ. הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז זַיין תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאל זַיין בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִים אִין שׁוּל.

אֵיין יָאר הָאט דֶער צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ'ענְסְק הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט מֶען וֶועט נִישְׁט דַאוֶוענֶען בִּיז מֶען וֶועט אוֹיפְזוּכְן דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע. אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זוּכְן דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן. מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט קֵיינֶעם צוּגֵיין צוּם עָמוּד, דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶר וַוארְט אוֹיף דִיר"; דֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן אַלֶע זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע עֶר זָאל זָאגְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד. הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל, וֶוער עֶס וֶוערְט אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים מוּז לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג פוּן ט"ו אָב, אוּן הֱיוֹת דִי יָאר אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי נְסִיעָה פוּן פְּרִיסְטִיק קַיין לִיזֶ'ענְסְק, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד, בִּיז דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט אִים גֶעהֵייסְן - הָאט עֶר גֶעדַארְפְט פָאלְגְן; זֶעט מֶען וִוי גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג אִיז לֶערְנֶען גְמָרָא.

הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס לְעִלּוּי נִשְׁמַת דַיין מַאמֶע, לֶערְן יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט; דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין אוּן מְזַכֵּךְ זַיין, אוּן אוֹיךְ וֶועט דָאס זַיין אַ טוֹבָה פַאר דַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַקוֹדֶשׁ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נָאר צֶעבְּרֶעכְן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי סְפָרִים אוּן גִלְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וויפִיל אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן ׳אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל׳, מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת פוּן ׳שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ׳ אוּן מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת פוּן ׳סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת׳ - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַ גַאנְצְן טָאג; אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶע וָואס טוּעֶן פַארְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ הָאבְּן דִי גֶעפִיל אַז זֵיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט אוֹיף. אַזוֹי גֵייט עֶס, מֶען טְרַאכְט: ׳וֶוער דַארְף דִי גִלְיוֹנוֹת? וֶוער דַארְף דִי סְפָרִים? וְכוּ׳, מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ ווִי מֶען טוּט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אַוַדַאי טוּעֶן דִי סְפָרִים אוֹיף, אַוַדַאי אִיז דָאס מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס גֶעהֶערְט כַּמָּה פְּעָמִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת אוּן בִּזְיוֹנוֹת פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ צוּמָאל טְרַאכְטְן ׳וֶוער דַארְף דִי סְפָרִים אוּן וָואס טוּט דָאס אוֹיף?׳ אוּן פִּינְקְט אִין דִי מִינוּט אִיז פוּן הִימְל גֶעקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער; אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן ווִי עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי סְפָרִים, אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאגְרָאבְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים - דָאס הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט.

אַז דוּ הָאסְט בִּלְבּוּלִים, דוּ טְרַאכְסְט דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק אַזוֹיפִיל צַייט, וָואס טוּט דָאס שׁוֹין אוֹיף...? ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי מַחֲשָׁבוֹת, דָאס אִיז פוּנֶעם סמֶ״ךְ מֶ״ם וָואס זוּכְט אַלֶע מִיטְלֶען ווִי עֶר קֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי גִלְיוֹנוֹת וָואס אִיז מְחַזֵּק אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה; נֶעמְט עֶר זִיךְ צוּ דִי בֵּיינֶער פוּן דִי שְׁרַייבֶּערְס, טַייפֶּערְס אוּן מַגִּיהִים.

חֲזַק וֶאֱמָץ בְּכָל כֹּחֲךָ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, זָארְגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר שְׁוַואךְ דֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָארְג נִישְׁט, וֶועסְט הָאבְּן קִינְדֶער. אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, זָארְגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, זָארְגְן מַאכְט נָאר שְׁוַואךְ דֶעם מֶענְטְשׁ; גְלֵייבּ מִיט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן קִינְדֶער.

קִינְדֶער הָאט נִישְׁט מִיט קַיין טֶבַע, קִינְדֶער הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) ״אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, ג׳ מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, דְרַיי שְׁלִיסְלֶען אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים״, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר, טְרֵייסְט אִיר, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אָן נָאכְאַמָאל דִי צַייט וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; דַארְף דֶער מַאן מִיט חָכְמָה טְרֵייסְטְן מִיט דִבּוּרֵי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים, וַוייל אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען גְלֵייבְּט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - וֶוערְט דֶער נֶפֶשׁ רֵיין אוּן מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט פוּן ׳אֱמוּנָה׳ אוּן פוּן ׳צַדִּיק׳ - זָאלְסְטוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם פֶּענֶע״; וַוייל אִין דִי צְוֵויי זַאכְן אִיז תָּלוּי אַלֶעס. אוֹיךְ בְּרֶענְגְט מוֹהֲרָא״שׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי ר׳ בָּרוּךְ׳ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״אֱמוּנָה אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים - זֶענֶען תְּרֵין רֵעִין דְּלָא מִתְפָּרְשִׁין״.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; דוּ רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט דַיין עֵסֶק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

**וָואס פַאר אַ קִינְדֶער וִויל אִיךְ, מִיט טֶעלֶעפָאנְ׳ס אוּן בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... **תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי טֶעלֶעפָאן, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט אוּנְז אוֹיס אֵיידֶער מָשִׁיחַ קוּמְט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ אָן קַיין טֶעלֶעפָאן, צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

איר האט דאך געזען אביסל וואס א מענטש איז; די שטיק צייט וואס איר זענט געווען אין שפיטאל - האט איר דאך געזען וואס דאס לעבן איז, ווי פון איין מינוט צום צווייטן איז מען אויס; דארף איך זיין גרינגער צו טראכטן פון תכלית.

ווען עס קומט אייך א נסיון - זאלט איר טראכטן פון אייערע דורות, טראכטס: 'ווי אזוי וויל איך מיינע קינדער זאלן זיין? וואס פאר א קינדער וויל איך? קינדער מיט טעלעפאנ'ס מיט ברענעדיגע נסיונות - אדער ריינע זויבערע קינדער וואס וועלן דינען דעם אייבערשטן, זיין געטריי דעם אייבערשטן?'

יעדע אידישע מאמע וועט זאגן 'איך וויל ענדערש ערליכע דורות'.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר

...

**באזונדערע הצלה אפטיילונג פאר פרויען, ווען עס איז נישט פקוח נפש**

בעזרת ה' יתברך - ב' פרשת ראה, כ"א מנחם-אב, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**מרת ... תחי', קרית ברסלב**

בנוגע אייער פראגע אויב איר זאלט זיך לערנען צו זיין א הצלה וואלענטיר, צו קענען העלפן פרויען אין שטעטל בעת צרה ובעת שמחה; אדרבה ואדרבה, פארבינדט זיך מיט מרת ... תחי', זי האט שוין געלערנט צו זיין א הצלה וואלענטיר, זי העלפט אין שטעטל זייער געטריי ווען פרויען דארפן הילף; זי גייט מאכן אין די קומענדיגע טעג א קלאס פאר פרויען זיך צו לערנען ווי אזוי צו העלפן ווען מען ווערט געשעדיגט.

איך וויל זייער מאכן אין שטעטל א באזונדערע אפטיילונג פאר פרויען, עס זאלן זיין הצלה וואלענטירן פרויען, אז די אלע מאלן וואס עס איז בכלל נישט קיין פקוח נפש זאלן די מענער אוועק שטיין פון די פרויען; דאס הייסט

וֶוען אַ פְרוֹי צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ אָדֶער צֶעבֵייגְט זִיךְ דִי פוּס וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְן פְרוֹיעֶן זִיךְ פָּארֶען מִיט פְרוֹיעֶן אוּן מֶענֶער מִיט מֶענֶער, אוּן וֶוען עֶס אִיז פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ - נָאר דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען וֶוער עֶס קֶען קוּמֶען שְׁנֶעלֶער, דֶעמָאלְט זָאגְט דִי תּוֹרָה מֶען דַארְף רַאטֶעוֶוען אַ נֶפֶשׁ מִיִּשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דוֹחֶה אַלֶעס.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת אִין שְׁטֶעטְל זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

## טְרַאנְסְפָּארְטַאצִיעֶ פַאר דִי פְרוֹיעֶן, וֶוען דִי מֶענֶער פָארְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר הַנְהָלַת קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ דַארְף הִילְף אִין שְׁטֶעטְל, וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי וָואךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶוען אַלֶע מֶענֶער פָארְן אַוֶועק צוּם רֶבִּי׳ן - זָאל זַיין טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי פְרוֹיעֶן? קוּם אוֹיף מִיט אַ פְּלַאן עֶס זָאל זַיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ סֶערְוִויס פוּן טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן פַאר דִי פְרוֹיעֶן צוּ קֶענֶען גֵיין אוּן קוּמֶען.

עֶס אִיז גֶענוּג שְׁוֶוער פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז דֶער מַאן פָארְט אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ, זֵיי בְּלַייבְּן אַלֵיין מִיט דִי קִינְדֶער; דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן זֵיי מַאכְן גְרִינְג מִיט וָואס מֶען קֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

**אַזוֹי דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיפִיל גוּטְס און אַזוֹיפִיל נַחַת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן פַארְנוּמֶען, אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק בַּאזוּכְן מַיין טָאכְטֶער, זִי הָאט גֶעהַאט אַ אִינְגֶל לְמַזָּל טוֹב. אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִינְדֶערְפְרִי און צוּרִיק גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט. ״מָה אָשִׁיב לַה׳, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי״, אִיךְ בִּין אַזוֹי דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס און אַזוֹיפִיל נַחַת; דָּוִד הַמֶּלֶךְ פְרֶעגְט, וָואס קֶען אִיךְ צוּרִיק טוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - ״כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי? כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה׳ אֶקְרָא״, אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אִים און אִים לוֹיבְן; מִיט דֶעם צָאלְט מֶען צוּרִיק כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר בְּעֵת שִׂמְחָה: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחוֹת מִיט שִׂמְחָה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְן מִיט קַיין לֵיצָנוּת צוּטוּן, זָאלְסְט זִיךְ נָאר חַבֶרְ׳ן מִיט אֲנָשִׁים תְּמִימִים וָואס לֶעבְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת״.

אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ דִיר פַארְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד. אִיךְ הָאף אַז דָאס אִיז נָאר דֶער אָנְהוֹיב, דוּ וֶועסְט מַמְשִׁיךְ זַיין אַ גַאנְץ יָאר עוֹסֵק זַיין אִין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט; גֵיין נָאךְ צְדָקָה אִיז מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ טַלִּית נָאֶה בְּגַן עֵדֶן, צוּ שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוֹיבְן אִין הִימְל.

עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטֶעטְל. מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף זֶענֶען מִיר דָא נָאךְ צְוֵויי וָואכְן, דִי בָּחוּרִים פָארְן אַהֵיים מִיטְוָואךְ כִּי תֵצֵא און אִיךְ און מַיין מִשְׁפָּחָה וֶועלְן צוּרִיק פָארְן קַיין שְׁטָאט זוּנְטָאג כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן. אִיךְ וִויל זֵייעֶר בְּלַייבְּן אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער מִיר הָאבְן נָאכְנִישְׁט גְרֵייט אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים, וואוּ דִי יְשִׁיבָה זָאל זַיין.

הָאסְט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט הַיינְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת? אַ בְּלַאט גְמָרָא? זֶע צוּ זַיין אַ סוּקְסֶעסְפוּל מֶענְטְשׁ; אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אַ טָאג, אַ בְּלַאט גְמָרָא אַ טָאג - אִיז סוּקְסֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

**אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל, פוּן וָואס יֶעדֶער הָאט הַנָאָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ וִויל יֶעדְן אֵיינֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ אַיינְלַאדֶענֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, צוּ דִי יֶערְלִיכֶע מְסִבָּה וָואס אִיךְ מַאךְ פַארְן בֵּית הַתַּבְשִׁיל פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ פוּן הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר שְׁלֹמֹה יַאקָאבָּאוִויטְשׁ, דֶער גַבְּאַי פוּנֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל.

עֶס אִיז דָא צְדָקוֹת וָואס מֶען דַארְף מַסְבִּיר זַיין וָואס דִי צְדָקָה אִיז, וָואס דִי צְדָקָה טוּט אוּן וואוּ דִי גֶעלְט גֵייט, בַּיים בֵּית הַתַּבְשִׁיל דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט זָאגְן; אַלֶע וֵוייסְן וָואס דָאס אִיז, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל הָאט הַנָאָה פוּנֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל; אֵיינֶער מֶער אֵיינֶער וֵוייגִיגֶער, אָבֶער הַצַּד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶן, אַז אַלֶע הָאבְּן נוּצְן פוּן דֶעם, אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי עֶסְן אוּן מִיט דִי חֲלוּקוֹת וָואס זֵיי טֵיילְן אוֹיס אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְן מִיר אַלֶע הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ יָאר מִיט שֶׁפַע.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז גֶעבְּן עֶסְן פַאר הוּנְגֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן.

...

**קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט עַזּוּת, דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער גַבְּאַי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בֶּעט מִיר עֶר דַארְף הִילְף, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט

אַן עֵצָה גֶעבְּן; עֶר זָאגְט מִיר דַיין זון אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף, עֶר סְטְרַאשֶׁעט אִים אַז עֶר גֵייט אִים בַּאוַוארְפְּן מִיט שְׁטֵיינֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

ווייל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, לָאז זֵיי נִישְׁט זַיין מְחוּצָפִּים; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט עַזּוּת, זֵיי רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ עֶלְטֶערֶע - דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט דַיינֶע קִינְדֶער נֶעבְּן דִיר אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי - נָאכְמֶער וִוי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְן שְׁוַוארְץ אַפֶּעל - וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן זֵיי נַחַת.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עִיר מִקְלָט, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְקֵר פְּלַאץ; אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל - דַארְפְן מֶען הַאלְטְן דִי קִינְדֶער נֶעבְּן זִיךְ אוּן וִויסְן וָואס זֵיי טוּעֶן אוּן וָואס זֵיי מַאכְן; דִי עֶלְטֶערְן מוּזְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי הַאלְטְן מִיט זִיךְ אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

## וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף מֶענְטְשְׁן? קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אִין דַיין צָרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף מֶענְטְשְׁן? קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אִין אַ צַייט פוּן אַ צָרָה, אוּן אֲפִילוּ נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וָואלְטְן דִיר יָא גֶעוָואלְט הֶעלְפְן - קֶענֶען דִיר אוֹיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן; אִיז וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף דֶעם אוּן יֶענֶעם? דֶער רֶבִּי קֶען דִיר אָבֶער יָא הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן הַשֵּׁם יְרַחֵם; דִי שְׁפִּיטָעלֶער זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם, און דָא אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין; אִיז וָואס אִיז דִי פַּחַד פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט – וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקוּנִים, כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן – אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

עֶס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה בַּיי אוּנְז בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז עֶס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיי אוּנְז – בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים זָאלְן זַיין רֵיין; אוּנְזֶער ד' אַמּוֹת זָאל זַיין הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**הקונטרס לע"נ האה"ח**

**הצניא ע"ה בת הר"ר דוב שליט"א**

**נפטרה בערש"ק חזון אחה"צ תשפ"ג**

**וזכתה לבוא למנוחתה סמוך לכניסת השבת**